# פתח דבר

אנו מודים לה' על כל הטוב אשר גמלנו, ובחסדו הגדול זיכנו בנשואי צאצאינו החתן הרה"ת **לוי יצחק** הכהן והכלה מרת **חי' מושקא** שיחיו **זרחי**.

התודה והברכה לבני המשפחה, הידידים והמכרים שבאו מקרוב ומרחוק להשתתף בשמחתנו ולברך את החתן והכלה שיחיו, ואותנו כולנו, בברכת מזל טוב וחיים מאושרים בגשמיות וברוחניות.

כנהוג בין אנ"ש שי', מתכבדים אנו להעניק למשתתפים תשורה ומזכרת מחגיגת הנישואין.

זכו אבי-זקנו וזקנו של החתן, הרה"ת ר' **משה פינחס** הכהן שיחי' **כ"ץ** ע"ה והרה"ת ר' **זאב יחזקאל** הכהן שיחי' **כ"ץ** לערוך ולסדר פעמים רבות קיצורים משיחות-קודש עבור חזרה ברדיו, רובן הוגהו על ידי כ"ק אדמו"ר זי"ע. מדפיסים אנו צילומי ההגהות משיחת ש"פ עקב תשכ"ז, כשלצידם השיחה עם ההגהות משולבות בתוכה, ללא אחריות כלל.

כמו כן הובאו בפרסום ראשון תמונות מכ"ק אדמו"ר זי"ע, מתפילת מנחה י"ז שבט תשכ"ג.

הא-ל הטוב הוא יתברך, יברך אתכם ואת בני ביתכם שיחיו בתוך כלל אחינו בני ישראל, בברכות מאליפות מנפש ועד בשר, ואי"ה נשיב לכם כגמולכם הטוב ובשמחתכם נשמח גם אנו.

יהי רצון שנזכה תיכף ומיד ממש לקיום היעוד "הקיצו ורננו גו'", ומלכנו נשיאנו בראשם, וישמיענו נפלאות מתורתו, "תורה חדשה מאתי תצא", ובמהרה בימינו נזכה זעהן זיך מיט'ן רבי'ן דא למטה אין א גוף, בגאולה האמיתית והשלימה, תיכף ומיד ממש.

מוקיריהם ומכבדיהם
**משפחות זרחי וקפלן**

י"ז מנחם אב, ה'תשפ"א

ברוקלין, ניו יארק

ב"ה,

מיר ברענגען אייך איצטער א קיצור פון א תוכן פון אייניגע שיחות קודש פון דעם רבין דער ליובאוויטשער רבי שליט"א, פון פויריגען שבת פרשת עקב, כ' מנחם אב.

וואס דער טאג כ' מנחם אב איז דער יום ההילולא-יארצייט- פון דעם פאטער פון דעם רבין זאל געזונד זיין, הרב ר' לוי יצחק שניאורסאן ז"ל, וועלכער איז געווען אגרויסער גאון סיי אין נגלה דתורה און סיי אין קבלה און נסתר דתורה.

צוליב זיין מסירת נפשדיגע ארבעט אויף הרבצת וחיזוק התורה והיהדות, האט ער געליטען שטארקע עינויים ויסורים רח"ל, ביז אז מהאט איהם פארשיקט דערפאר אין א דארף ווייט אין סיביר אינגאנצען אבגערוסען פון מענשען, און נאך דורכמאכען פולע יסורים און פיין איז ער נפטר געווארען כ' מנחם אב תש"ד, מיט דריי און צוואנציג יאהר צוריק.

דער רבי שליט"א האט דערציילט אז צווישען די געציילטע ספרים וואס זיין הייליגער פאטער האט געהאט מיט זיך איז אויך געווען דער תניא און ניט האבענדיג קיין פאפיר אויף וואס צו שרייבען, האט ער פארצייכענט הגהות אויף דעם תניא, מיט טינט וואס די רביצין ע"ה דעם רבין'ס שליטא מוטער האט אליין אויסגעארבעט ווי מקען אליין מאכען טינט אין אזא פארווארפענעם דארף.

דער רבי שליט"א האט זיך אבגעשטעלט אויף איין הגה פון זיין פאטער ז"ל וואס ער האט צוגעשריבען אין תניא אין פרק ל"ז, וואס דער אלטער רבי דער בעל התניא והשולחן ערוך שרייבט דארט, תכלית השלימות הזה של ימות המשיח ותחיית המתים וכו' תלוי במעשינו ועבודתינו כל זמן משך הגלות, איז אויף דעם כפל הלשון במעשינו ועבודתינו, איז צוגעשריבען אגרת הקודש פרק י"ב, וואס דארט איז דער אלטער רבי מבאר דעם ענין, וואס ביי צדקה איז דא מעשה הצדקה און עבודת הצדקה, ~~אז דערויבער~~ זאגט ער אין פסוק והי' מעשה הצדקה שלום ועבודת הצדקה השקט ובטח עד עולם. (ישעי' לב, יז)

אין זעהר א אריכותדיגע טיפע ערקלערונג האט דער רבי שליט"א מבאר געווען דעם ענין און דעם ביאור אין דעם, (אין א אופן פון א מאמר חסידות) נאר צוליב מאנגעל אין צייט האבען מיר דאס נאר דערמאננט אין א נקודה,

און מיר וועלען איצטער איבערגעבען א תוכן פון דעם ביאור פון דעם רבין שליט"א אויף א רש"י אין פרשת עקב, וואס עס איז נתבאר געווארען ביי דעם פאברייינגען.

תשורה משמחת הנישואין של החתן הרה"ת **לוי יצחק** הכהן והכלה מרת **חי' מושקא** שיחיו **זרחי**

ב"ה, תשכ"ז

מיר ברענגען אייך איצטער א קיצור פון א תוכן פון איינגע שיחות פון דעם רבין דער ליובאוויטשער רבי שליט"א, פון פוריגען שבת פרשת עקב, כ' מנחם אב.

וואס דער טאג כ' מנחם אב איז דער יום ההילולא-יארצייט – פון דעם פאטער פון דעם רבין זאל געזונד זיין, הרב ר' לוי יצחק שניאורסאן ז"ל, וועלכער איז געווען אגרויסיער גאון סיי אין נגלה דתורה און סיי אין קבלה און נסתר דתורה.

צוליב זיין מסירת נפשדיגע ארבעט אויף הרבצת וחיזוק התורה והיהדות, האט ער געליטען שטארקע עינויים ויסורים רח"ל, ביז אז מהאט איהם פארשיקט דערפאר אין א דארף ווייט אין סיביר אינגאנצען אבגערוסען פון מענשען, און נאך דורכמאכען פולע יסורים און פיין איז ער נפטר געווארען כ' מנחם אב תש"ד, מיט דריי און צוואנציג יאהר צוריק.

דער רבי שליט"א האט דערציילט אז צווישען די געציילטע ספרים וואס זיין הייליגער פאטער האט געהאט מיט זיך איז אויך געווען דער תניא און ניט האבענדיג קיין פאפיר אויף וואס צו שרייבען, האט ער פארצייכענט הגהות אויף דעם תניא, מיט טינט וואס די רביצין ע"ה דעם רבינ'ס שליטא מוטער האט אליין אויסגעארבעט ווי מקען אליין מאכען טינט אין אזא פארווארפענעם דארף.

דער רבי שליט"א האט זיך אבגעשטעלט אויף איין הגה פון זיין פעטער ז"ל וואס ער האט צוגעשריבען אין תניא אין פרק ל"ז, וואס דער אלטער רבי דער בעל התניא והשולחן ערוך שרייבט דארט, תכלית השלימות הזה של ימות המשיח ותחיית המתים וכו' תלוי במעשינו ועבודתינו כל זמן משך הגלות, איז אויף דעם כפל הלשון במעשינו ועבודתינו, איז צוגעשריבען אז דאס איז פארשטאנדיק לויט אגרת הקודש סימן י"ב, וואס דארט איז דער אלטער רבי מבאר דעם ענין, וואס ביי צדקה איז דא – לויט'ן פסוק מעשה הצדקה אן עבודת הצדקה, ווי ער זאגט אין פסוק (ישעי' לב, יז) והי" מעשה הצדקה שלום ועבודת הצדקה השקט ובטח עד עולם צדקה וואס קומט דורך עבודה (הארעווען מיט זיך כו') איז העכער ווי מעשה הצדקה סתם.

אין זעהר א אריכותדיגע טיפע וואונדערבארע ערקלערונג האט דער רבי שליט"א מבאר געווען דעם ענין און דעם ביאור אין דעם, (אין א אופן פון א מאמר חסידות) נאר צוליב מאנגעל אין צייט האבען מיר דאס נאר דערמאננט אין א נקודה,

און מיר וועלען איצטער איבערגעבען א תוכן פון דעם ביאור פון דעם רבין שליט"א אויף א רש"י אין פרשת עקב, וואס עס איז נתבאר געווארען ביי דעם פארברייינגען.

2

אויף דעם פסוק "כל המצוה אשר אנכי מצוך היום תשמרון לעשות למען תחיון ורבתם ובאתם וירשתם את הארץ אשר נשבע ה' לאבותיכם", איז רש"י מפרש: "כל המצוה - כפשוטו, ומדרש אגדה אם התחלת במצוה גמור אותה (אויב דו האסט אנגעהויבען טאן א מצוה ענדיק איהר) שאינה נקראת המצוה אלא על שם הגומרה (ווארום עס ווערט פארעכענט אויף דעם וואס פארענדיקט די מצוה, ווי ער וואלט געטאן די גאנצע מצוה) שנאמר את עצמות יוסף אשר העלו בני ישראל ממצרים קברו בשכם, והלא משה לבדו נתעסק בהם להעלותם אלא לפי שלא הספיק לגומרה וגמרוה ישראל נקראת על שמם, (ווי מ'זעט אז דער פסוק זאגט אז די אידען האבען ארויס-גענומען עצמות יוסף פון מצרים און דאס קובר געווען בשכם, אע"פ אז משה איז געווען דער וואס האט דאס אנגעהויבען טאן, וויבאלד אבער ער האט דאס ניט געקאנט מסיים זיין, און די אידען זיינען געווען די וועלכע האבען דאס גומר געווען, ווערט עס פארעכענט ווי זיי וואלטען געטאן די גאנצע זאך).

אויף דער רש"י האט דער רבי זאל געזונט זיין כדרכו בקודש געפרעגט כמה וכמה קשיות,

דער ערשטער פירוש וואס רש"י איז מפרש "כפשוטו", איז לכאורה ניט פארשטאנדיק, וויבאלד אז רש"י זאגט מערניט ווי דעם ווארט "כפשוטו" און ברענגט ניט דעם עצם פירוש, איז דאס ווייל רש"י האלט אז מ'קאן דאס אליין פארשטיין, היינט אויב אזוי פארוואס דארף רש"י דעם ווארט "כפשוטו" יא זאגען, וואס טוט דא רש"י אויף דערמיט וואס ער זאגט דעם ווארט "כפשוטו" אבער דעם עצם פירוש זאגט ער ניט,

עס איז פאראן מפרשי רש"י וואס לערנען אז רש"י קומט דא פארענטפערן, וואס לכאורה איז ניט פארשטאנדיק דער פסוק זאגט "כל המצוה", וואס אין פשטות מיינט דאס אלע מצות, אויב אזוי פארוואס שטייט אין פסוק "מצוה" ל' יחיד, און ניט "מצות" ל' רבים, ווי קען דאס זיין עס זאל שטיין "כל" - א לשון רבים - און דערנאך זאגט דער פסוק "המצוה" - לשון יחיד,

אויב מ'וועט אזוי לערנען, איז אינגאנצען ניט פארשטאנדיק, ווארום דא איז ניט דאס ערשטע מאל אין דער תורה ביז איצטער וואס עס מאכט זיך אזא לשון, עס זאל שטיין "כל" און דערנאך א לשון יחיד, ווי "כל הבא אל האהל", אדער "כל חלי" - וואס חולי איז דאך אויך לשון יחיד, ווי מ'געפינט דאך אז עס שטייט אין "וחליים רעים" - ל' רבים - -

און אעפ"כ שטעלט זיך נישט רש"י אויף די אויבענדערמאנטע ערטער זיי מפרש זיין,

נאך שטארקער ווערט די קשיא, מ'געפינט מיטאיין סדרה פריער, אין פ' ואתחנן שטייט אויך דער זעלבער לשון "כל המצוה", און רש"י איז

אויף דעם פסוק "כל המצוה אשר אנכי מצוך היום תשמרון לעשות למען תחיון ורביתם ובאתם וירשתם את הארץ אשר נשבע ה' לאבותיכם", איז רש"י מפרש: "כל המצוה –כפשוטו, ומדרש אגדה אם התחלת במצוה גמור אותה (אויב די האסט אנגעהויבען טאן א מצוה ענדיק איהר) שאינה נקראת המצוה אלא על שם הגומרה (ווארום א מצוה ווערט פארענכענט נאר אויף דעם וואס פארענדיקט די מצוה, ווי ער וואלט געטאן די גאנצע מצוה) שנאמר את עצמות יוסף אשר העלו בני ישראל ממצרים קברו בשכם, והלא משה לבדו נתעסק בהם להעלותם אלא לפי שלא הספיק לגומרה וגמרוה ישראל נקראת על שמם, (ווי מ'זעט אז דער פסוק זאגט אז די אידען האבען ארויסגענומען עצמות יוסף פון מצרים און דאס קובר געווען בשכם, אע"פ אז נאר משה איז געווען דער וואס האט ארויסגענומען די עצמות, וויבאלד אבער ער האט דאס ניט געקאנט מסיים זיין, און די אידען זיינען געווען די וועלכע האבען דאס גומר געווען, ווערט עס פארעכענט ווי זיי וואלטען געטאן די גאנצע זאך אויף דעם ארויסנעמען).

אויף דער רש"י האט דער רבי זאל געזונט זיין כדרכו בקודש געפרעגט כמה וכמה קשיות,

דער ערשטער פירוש וואס רש"י איז מפרש "כפשוטו", איז לכאורה ניט פארשטאנדיק, וויבאלד אז רש"י זאגט מערניט ווי דעם ווארט "כפשוטו" און ברענגט ניט דעם עצם פירוש, איז דאס ווייל רש"י האלט אז דאס איז זעלבסטפארשטענדליך, הייגט אויב אזוי וואס טוט דא רש"י אוף דערמיט וואס ער זאגט "כפשוטו"

פאראן מפרשי רש"י וואס לערנען אז רש"י קומט דא פארענטפערן, וואס לכאורה איז ניט פארשטאנדיק דער פסוק זאגט "כל המצוה", וואס אין פשטות מיינט דאך כל מצות, אויב אזוי פארוואס שטייט אין פסוק "מצוה" ל' יחיד, און ניט "מצות" ל' רבים, ווי קען דאס זיין עס זאל שטיין "כל" – א לשון רבים – און דערנאך זאגט דער פסוק "המצוה" – לשון יחיד,

אויב מ'וועט אזוי לערנען, איז אינגאנצען ניט פארשטאנדיק, ווארום דא איז ניט דאס ערשטע מאל אין דער תורה ביז איצטער וואס עס מאכט זיך אזא לשון, עס זאל שטיין "כל" און דערנאך א לשון יחיד ווי "כל הבא אל האהל" חקת יט-יד', אדער "כל חולי" פון די פרשה גופא – וואס חולי איז דאך אויך לשון יחיד, ווי מ'געפינט דאך אז עס שטייט אין פ' תבוא כח'-נט' "וחליים רעים" – ל' רבים - -, און אין די עשרת הדברות שטייט לא תעשה כל מלאכה, און ניט מלאכות לשון רבים

און אעפ"כ שטעלט זין נישט רש"י אויף די אויבענדערמאנטע ערטער זיי מפרש זיין,

נאך שטארקער ווערט די קשיא, מ'געפינט מיט איין סדרה פריער, אין פ' ואתחנן ה' כ"ז שטייט אויך דער זעלבער לשון "את כל המצוה", און רש"י איז

3

דארט גארנישט מפרש, היינט אויב מיר וועלען לערנען ווי די מפרשי רש"י אז רש"י בא אונז אין פסוק קומט באווארענען די שאלה פארוואס באווארענט דאס ניט רש"י דעם ערשטען מאל וואו עס שטייט אין דער תורה אזא אויסשפרך, וואלט מען שוין דערפון אויך געוואוסט צו פארענטפערן אין די ווייטערדיקע ערטער אויך,

איז דערפון פארשטאנדיק אז נישט דאס איז געווען די קשיא וואס דארט דא בא אונז רש"י, וואס אויף דעם קומט ער מפרש זיין בידע פירושים,

אויך דארף מען פארשטיין אין דעם צווייטען פירוש פון רש"י, וואס איז רש"י אזויפיל מאריך, יעדערווארט אין רש"י איז דאך מדויק, וואלט לכאורה געווען גענוג, ווען רש"י זאגט "אם התחלת במצוה גמור אותה שאינה נקראת המצוה אלא על שם גומרה", אן די גאנצע אריכות ווייטערדיקע

אויב איינער וועט וועלען וויסען א ראי' דערצו וועט ער אליין נאך קוקען אין מדרש, רש"י'ס ענין איז דאך נאר אויף מפרש זיין דאס וואס איז נוגע אין פשוטו של מקרא, ווי רש"י אליין גיט ארויס דעם כלל אין פרשת בראשית "ואני לא באתי אלא לפרש פשוטו של מקרא",

אויב רש"י ברענגט שוין יא א ראי' דערצו, וואלט דאך שוין רש"י געקענט ברענגען א שטארקערע ראי' פון יהודא'ן, וואס ביי איהם זעט מען ווייבאלד ער איז געווען מערניט ווי א מתחיל במצוה, און האט איהר ניט מסיים געווען[1] איז ער נענש געווארען וקבר אשתו ושני בניו, ~~(וואס אין מדרש ברענגט ער טאקע די ראי' אויך)~~, וואס דערפון זעט מען דאך מערער בהדגשה מעלת הענין אז מ'דארף גומר זיין די מצוה וועלכע מ'איז מתחיל, ביז אז אויב מ'טוט דאס נאט ווערט מען נענש, משא"כ די ראי' וואס רש"י ברענגט וויזט לכאורה ניט אויף אזויפיל מעלת הענין פון גומר זיין א מצוה, עס דערציילט נאר אז דער וואס איז מסיים א מצוה - אע"פ אז ער האט איהר ניט אנגעהויבען - איז המצוה נקראת על שמו.

אויך איז ניט פארשטאנדיק פארוואס דארף רש"י אנקומען צו ביידע פירושים, און איינער איז ניט מספיק -

ווארום אויב עס וואלט געווען נאר מצד דערוף וואס אין הפה יכול לומר צוויי פירושים בבת אחת, ניט וויל עס איז ניט גענוג איין פירוש, וואלט רש"י יעמולט געגעבען א הקדמה "יש לפרש בשני פנים", כביו"ב, ווי מ'געפינט בכמה מקומות ברש"י -

דארף מען פארשטיין פארוואס איז דער ערשטער פירוש ניט מספיק, און מ'מוז אויך אנקומען צום צווייטען, אזוי אויך פארוואס איז דער צווייטער ניט מספיק און מ'מוז אנקומען אויך צום ערשטען, ביז אז דער פירוש וואס איז נעענטער צו פירוש הפשוט אין פסוק איז דאס דער ערשטער פירוש, וואס דערפאר ברענגט איהם רש"י פריער, נאר מצד א

1) וואס ער איז געווען דער וואס האט געזאגט מ'זאל יוסף'ן ניט הרגנ'ען, אבער ער האט אנגעהויבען מיט דער מצוה וואלט ער געדארפט גומר זיין, און זען מ'זאל איהם ניט פארקויפען.

דארט גארנישט מפרש, היינט אויב מיר ווילען לערנען ווי די מפרשי רש"י אז רש"י בא אונז אין פסוק קומט באווארנען די שאלה פארוואס באווארענט דאס ניט רש"י דעם ערשטען מאל ווען עס שטייט אין דער תורה אזא אויסשפרך, וואלט מען שוין דערפון אויך געוואוסט צו פארענטפערן אין די ווייטערדיקע ערטער אויך,

איז דערפון פארשטאנדיק אז נישט דאס איז געווען די קשיא וואס הארט דא בא אונז רש"י, וואס אויף דעם קומט ער מפרש זיין "כפשוטו".

אויך דארפן פארשטיין: רשי'ס ענין איז "לפרש פשוטו של מקרא" – איז אז ער האט שוין דעם פי' כפשוטו – ווי קומט א הער ומדרש אגדה כו' ! ובכלל וואס איז מכריח דא ברייגנעןביידע פירושים (שמזה מובן שא' אינו מספיק וגם השני לא, אלא שהוא קרוב יותר לפשוטו כו')

דארף מען פארשטיין פארוואס איז דער ערשטער פירוש ניט מספיק, און מ'מוז אויך אנקומען צום צווייטען, אזוי אויך פארוואס איז דער צווייטער ניט מספיק און מ'מוז אנקומען אויך צום ערשטען, ביז אז דער פירוש וואס איז נעענטער צו פירוש הפשוט אין פסוק איז דאס דער ערשטער פירוש, וואס דערפאר ברענגט איהם רש"י פריער, נאר מצד א שווערקייט וואס איז אין איהם פאראן מוז מען אויך אנקומען צום צווייטען פירוש.

אויך דארף מען פארשטיין אין דעם צווייטען פירוש פון רש"י, וואס איז רש"י אזויפיל מאריך, יעדערווארט אין רש"י איז דאך מדויק, וואלט לכאורה געווען גענוג, ווען רש"י זאגט "אם התחלת במצוה גמור אותה שאינה נקראת המצוה אלא על שם גומרה", אן די גאנצע ווייטערדיקע אריכות, אויב איינער וועט ווילען וויסען א ראי' דערצו וועט ער אליין נאך קוקען אין מדרש, רש"י'ס ענין איז דאך נאר אויף מפרש זיין דאס וואס איז נוגע אין פשוטו של מקרא, ווי רש"י אליין גיט ארויס דעם כלל אין פרשת בראשית "ואני לא באתי אלא לפרש פשוטו של מקרא",

עוד צלה"ב: אויב רש"י ברענגט שוין יא א ראי' דערצו, וואלט דאך שוין רש"י געדארפט ברענגען א שטארקערע און שטריינגערע ראי' פון יהודא'ן, - וואס שטייט אויך אין זעלבן מדרש אגדה (תנחומא) – וואס ביי איהם זעט וויבאלד ער איז געווען מערניט ווי א מתחיל במצוה, און האט איהר ניט מסיים געווען 1) איז ער נענש געווארען וקבר אשתו ושתי בניו, וואס דערפון זעט מען דאך מערער בההדגשה מעלת הענין אז מ'דארף גומר זיין די מצוה וועלכע מ'איז מתחיל, ביז אז אויב מ'טוט דאס ניט ווערט מען נענש, משא"כ די ראי' וואס רש"י ברענגט ווייזט לכאורה ניט אויף אזויפיל מעלת הענין פון גומר זיין א מצוה, עס דערציילט נאר אז דער וואס איז מסיים א מצוה – אע"פ אז ער האט איהר ניט אנגעהויבן – איז המצוה נקרא על שמו.

<u>כאן</u> בלאה"כ אאפ"ל כן כיון שהא' <u>כפשוטו</u> והשני – אגדה. [בההתועדות נזכר זה בתור <u>כלל</u> ברש"י <u>בכלל</u>]

-------

1) וואס ער איז געווען דער וואס האט געזאגט מ'זאל יוסף'ן ניט הרגנ'ען, וויבאלד אבער ער האט אנגעהויבען מיט דער מצוה וואלט ער געדארפט גומר זיין, און דען מ'זאל איהם ניט פארקויפען.

א שוועריקייט וואס איז אין איהם פאראן מוז מען אויך אנקומען צום צווייטען פירוש.

דער תוכן הביאור בקיצור וואס דער רבי שליט"א האט מבאר געוועזן איז:

דא רעדט דאך משה רבינו צו די אידען, און ער זאגט זיי אז זיי זאלען מקיים זיין די מצות ה', "למען תחיון ורביתם ובאתם וירשתם את הארץ אשר נשבע ה' לאבותיכם", זיי זאלען קענען אריינקומען אין ארץ ישראל, וואס דאס האט דאך משה רבינו געזאגט צו די אידען תחילת שבט, די אידען האב געדארפט אריינגייען אין ארץ ישראל גלייך נאך פטירת משה רבינו, וואס איז געוועזן באדר,

שטעלט זיך א שטארקע קשיא, וויפל מצות וועלען דאס די אידען קאנען ס"ה מקיים זיין ביז זיי וועלען אריינגייען אין ארץ ישראל, די מצות התלויות בארץ וועלען זיי ניט קאנען מקיים זיין, אזוי אויך די מצות וועלכע זיינען פארבונדען מיט ימים טובים וועלען זיי אויך ניט קענען מקיים זיין, ווארום עס איז ניטא אינצווישען קיינע ימים טובים, נאר א ר"ח, בלייבט דאך זיי זייער ווייניק מצות מקיים זיין, הייסט וואס איז דער "כל המצוה"

און די קשיא קומט דא רש"י פארענטפערן, און איז מפרש, אז אה"נ, עס מיינט טאקע "כפשוטו", זיי זאלען מקיים זיין די מצות וועלען זיי זוכה זיין אריינגייען אין ארץ ישראל. (דאס אבער וואס עס שטייט "כל (ל' רבים) המצוה" (ל' יחיד) איז ווי אויבענדערמאנט קיין קשיא ניט, הגם עס איז געווען תרי"ג מצות. אזא אויסשפראך געפינט מען אין א סאך פסוקים).

עס איז דאך אבער פארט ווייניק מצות ווי דערמאנט, ניט די מצות התלויות בארץ, און נפט די מצות התלויות בימים טובים, זאגט רש"י אז עס איז פאראן נאך א פירוש, וואס שטייט טאקע אין מדרש אגדה, דריבאלד אבער רש"י ברענגט דאס איז דאס פון חלק האגדה הקרובה אל הפשט,

אז אפילו זיי וועלען ניט טאן קיין גאנצע מצות, מערניט ווי גומר זיין די מצות וועלכע זייי עלטערן און אור עלטערן האבען אנגעהויבען אויב זיי וועלען דאס מסיים, וועט דאס פארעכענט ווערן ווי זיי וואלטען געטאן די גאנצע מצוה. און דאס איז אויך דער טייטש פון "כל המצוה", אז די מצות וואס זיי וועלען גומר זיין וועלען זיך אויך רעכענען לזכותם אויף אריינגיין אין ארץ ישראל.

שטעלט זיך אבער די שאלה, במה דברים אמורים אז דער וואס איז א גומר א מצוה איז כאילו ווי ער וואלט געטאן די גאנצע מצוה, ווען דער וואס האט אנגעהויבען וואלט ניט וועלען מסיים זיין די מצוה, ווי אבער ווען ער וואלט וועלען ענדיקען די מצוה, נאר ער האט ניט געקאנט איהר ענדיקען, ווערט זאגט דאס אז דעמולט אויך דער וואס איז איהר גומר איז כאלו ווי ער וואלט געטאן די גאנצע מצוה,

דער תוכן הביאור בקיצור וואס דער רבי שליט"א האט מבאר געווען איז:

דא רעדט דאך משה רבינו צו די אידען בארבעים שנה בעשתי עשר חדש באחד לחדש (דברים א, ג), און ער זאגט זיי אז זיי זאלען מקיים זיין די מצות ה', "למען תחיון ורביתם ובאתם וירשתם את הארץ אשר נשבע ה' לאבותיכם", זיי זאלען זוכה זיין דורך דעם אריינקומען אין ארץ ישראל, וואס דאס האט דאך משה רבינו געזאגט צו די אידען תחילת חודש שבת, און די אידען האט געדארפט אריינגיין אין ארץ ישראל גלייך כפרש"י שם שאמר זה סמוך למותו וכפרש"י בחוקת (כ, כב) עומדים להכנס לארץ. (נאך פטירת משה רבינו וואס איז געווען באדר),

שטעלט זיך א שטארקע קשיא, וויפל מצות האבן דאס די אידען ס"ה מקיים געווען ביז זיי זיינען אריינגיין אין ארץ ישראל, פון רח שבט. די מצות התלויות בארץ וועלען זיי ניט קאנען מקיים זיין, אזוי אויך די מצות וועלכע זיינען פארבונדען מיט ימים טובים ר"ה ויוהכ"פ וועלען זיי אויך ניט קענען מקיים זיין, ווארום עס איז ניטא אינצווישען קיינע ימים טובים, נאר א ר"ח, לא מצות התלויות במלחמה (כיון שהי' אחרי הכותו את סיכון גו') לא מצות התלויות במיתה (כפרש"י חוקת (ה' ל') שהיו כולם שלמים וחיים כולכם) ועוד ועוד, בלייבט דאך זיי זייער ווייניק מצות אויף וועלכע ס'קען זיין לעשות – טאן זיי. היינט וואס איז דער "כל המצוה"

אין די קשיא קומט דא רש"י פארענטפערן, און איז מפרש, אז אעפ"כ מיינט עס "כפשוטו", זיי זאלען מקיים זיין די מצות וועלען זיי זוכה זיין אריינגיין אין ארץ ישראל. הגם עס איז גאר א מיעוט פון די תרי"ג מצות. (דאס אבער וואס עס שטייט "כל (ל' רבים) המצוה)" (ל' יחיד) איז ווי אויבענדערמאנט קיין קשיא ניט, אזא אויסשפראך געפינט מען אין גאר א סאך פסוקים). בכ"ז צע"ק

– ניט גלאטיג – שיאמר כל – והכוונה גאר ווייניק מצות (ויי דערמאנט, ניט די מצות התלויות בארץ, און ניט די מצות התלויות בימים טובים, זאגט רש"י אז עד איז פאראן נאך א פירוש, וואס שטייט טאקע אין מדרש אגדה, אבער חלק האגדה הקרובה אל הפשט [ע"ד כל העדה – כפרשי (חוקת שם) עדה שלמה כו' – אף כאן כל המצוה – מצוה שלימה – גם סוכה וגדול הזכות שעי"ז תחיון וגו' – שהרי נוסף על המצות שבין ר"ח שבט וכניסה לארץ כשיגמרו המצות שהתחילו בהן במשך כל המ' שנה – גם הן יקראו על שמם אז אפילו זיי וועלען ניט טאן קיין גאנצע מצות, מערניט ווי גומר זיין די מצות וועלכע זיי עלטערן און אור עלטערן האבען אנגעהויבען אויב זיי וועלען דאס מסיים, וועט דאס פארעכענט ווערן ווי זיי וואלטען גאטאן די גאנצע מצוה. און דאס איז אויך דער טייטש פון "כל המצוה", אז די מצות וואס זיי וועלען גומר זיין וועלען זיך אויך רעכענען לזכותם אויף אריינגיין אין ארץ ישראל. ובכלל זה גם המצות שלא גמרו המתחיל מפני האונס [ולכן "כל המצוה" – מצות רבות יותר]

5

די

דערבער ברענגט רש"י א ראי' פון משה, וואס דארט איז דאך געווען (ווי רש"י זאגט) "שלא הספיק לגומרה", ער האט איהר ניט געקאנט מסיים זיין, געוואלט אאט ער זיכער, משה רבינו האט זיך געבעטען ביים אויבערשטען תקט"ו אויף אריינגיין אין ארץ ישראל, האט ער דאך זיכער געוואלט גומר זיין דעם ענין, וויבאלד אבער ער האט דאס ניט געקאנט גומר זיין, און די אידען האבען דאס פארענדיקט ווערט דאס אנגערופען על שמם.

אזוי אויך אז די אידען בדור ההוא וועלען מסיים זיין די מצות וועלכע זייערע עלטערן און אור עלטערן האבען אנגעהויבען, אפילו זיי האבען דאס געוואלט מסיים זיין, פונדעסטוועגען גייט דאס אריין אין דעם "כל המצוה" וואס דאס וועט ברענגען צו דען "תחיון ורביתם ובאתם וירשתם את הארץ".

און דא וועט מען זען אויף וויפיל יעדער ווארט אין רש"י איז מדוקדק: רש"י זאגט "והלא משה לבדו נתעסק בהם להעלותם", וואס לייגט דא רש"י צו מיט דעם ווארט "לבדו",

נאר רש"י וויל זאגען, אע"פ אז בהתחלת המצוה האט זיך נאר משה רבינו דערמיט אגעגעבען, ווי עס שטייט אין חז"ל אז די אידען זיינען דעמולט געווען פארנומען מיט צונויפקלייבען ביזת מצרים, פונדעסטוועגען וויבאלד אז די אידען האבען דאס גומר געווען איז נקראת על שמם.

דער רבי שליט"א האט מאריך געווען אין א טיעפען ביאור בענינים אלו, אויך מבאר געווען דעם חילוק הלשון וואס די גמרא אין סוטה זאגט אז דער (דעם לשון) וואס איז מסיים א מצוה וואס א צווייטער האט איר אנגעהויבען "מעלה עליו הכתוב כאילו (על שגמרו) עשאו", און דעם לשון וואס רש"י זאגט דא בא אונז, לײדער אבער מצד מאנגעל אין צייט קענען מיר עס איצטער ניט איבערגעבען.

אויך האט דער רבי זאל געזונט זיין מאריך געווען אין די הוראות אין עבודת ה', וואס מ'קען אפלערנען פון דעם ענין, ווי וויכטיג עס איז ווען א איד הייבט אן טאן אין א ענין של מצוה, אז ער זאל דאס (אדער מקרב זיין א) (צווישן אידען) זען מסיים זיין, און דעמאלט בענטשט איהם דער אויבערשטער עס זאל זיין "תחיון ורביתם ובאתם וירשתם את הארץ אשר נשבע ה' לאבותיכם".

לא תפסתי איזו מצות יכולים הם לגמור עתה מה שאבותיהם התחילו ולא הספיקו לגמור. והאם נכון שזהו"ע התשו' על חטא העגל, ומעשה פעור, ומרגלים?

ומנא הני מילי ברעגנט רש"י די ראי' פון משה, וואס דארט איז דאך געווען (ווי רש"י זאגט) "שלא הספיק לגומרה", ער האט איהר ניט געקאנט מסיים זיין, געוואלט האט ער זיכער, ואתחנן גו' משה רבינו האט זיך געבעטן ביים אויבערשטען תקט"ו תפלות אויף אריינגיין אין ארץ ישראל (וכפרש"י: התלמיד כמה סרבן ומפציר (ג, כו), האט ער דאך זיכער געוואלט גומר זיין דעם ענין, וויבאלד אבער ער האט דאס ניט געקאנט גומר זיין, און די אידען האבן דאס פארענדיקט ווערט דאס אנגערופען על שמם.

אזוי אויך אז די אידען בדור ההוא וועלען מסיים זיין די מצות וועלכע זייערע עלטערן און אור עלטערן האבען אנגעהויבען, אפילו זיי האבן דאס געוואלט מסיים זיין, פונדסטעוועגען גייט דאס אריין אין דעם "כל המצוה" וואס דאס וועט ברענגען צו דען "תחיון ורביתם ובאתם וירשתם את הארץ".

דער רבי שליט"א האט מאריך געווען אין א טיעפען ביאור בענינים אלו, אויך מבאר געווען דעם חילוק הלשון וואס די גמרא אין סוטה זאגט דעם לשון אז דער וואס איז מסיים א מצוה וואס א צווייטער האט איר אנגעהויבן "מעלה עליו הכתוב על שגמרו כאילו עשאו", און דעם לשון וואס רש"י זאגט דא בא אונז פון מדרש תנחומא, שנקראת על שמו, ליידער אבער מצד מאנגעל אין צייט קענען מיר עס איצטער ניט איבערגעבען.

אויך האט דער רבי זאל געזונט זיין מאריך געווען אין די הוראות אין עבודת ה', וואס מ'קען אפלערנען פון דעם ענין, ווי וויכטיג עס איז ווען א איד הייבט אן טאן אין א ענין של מצוה, אדער מקרב זיין א צווייטן אידען, אז ער זאל דאס מסיים זיין, און דעמאלט בענטשט איהם דער אויבערשטער עס זאל זיין "תחיון ורביתם ובאתם וירשתם את הארץ אשר נשבע ה' לאבותיכם".

לא תפסתי איזו מצות יכולים הם לגמור עתה מה שאבותיהם התחילו ולא הספיקו לגמור. והאם נכון שזהו"ע התשו' על חטא העגל, ומעשה פעור, ומרגלים?

העלאת עצמות כל השבטים.

הרי כרגיל תמיד ישנם מצות שהם באמצע קיומם. והמנויים לקמן - מיוחדים וודאים

<u>מהעיקר</u> (וכנזכר <u>בפי'</u>) <u>ההכנות וההליכה</u> לכבוש <u>לרשת</u> את הארץ (היפך דור המדבר) – שעפ"ז יומתק השכר (<u>מדה כנגד מדה</u>) למען גו' <u>וירשתם את הארץ</u> והמתחילים היו <u>יוצאי מצרים</u> (<u>ולא</u> הנכנסים לארץ) וכמש"נ והוצאתי <u>אתכם</u> גו' והבאתי <u>אתכם</u> אל הארץ גו' אלא <u>שנאנסו</u> – בגזירת המרגלים גו') ומדויק.

<u>הפלא ופלא</u> ל' שהביא רש"י <u>בנדו"ד</u>: משה <u>לבדו</u>, <u>ממש</u> כבנדו"ד.









תפילת מנחה, י"ז שבט תשכ"ג.
מפגש של חניכי קעמפ גן ישראל, שבאותם ימים, רובם לא היו מממשפחות אנ"ש.